**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול דערמאנט ניו יארקער צו אונטערנעמען שריט צו אנהאלטן זייער אינשורענס דורך די ניו יארק סטעיט מארקעטפלאץ

***בריוון ווערן ארויסגעשיקט צו איבער 9 מיליאן ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאָס און די עסענטשעל פלאן זיי איינמעלדנדיג איבער בארעכטיגונג איבערבליק וואס ווערט יעצט פארלאנגט דורך דעם פעדעראלן געזעץ צו קענען ווייטער באקומען פובליק פראגראמען***

***מענטשן וואס זענען איינגעשריבן אין ניו יארק'ס פובליק העלט אינשורענס פראגראמען וועלן דארפן באנייען זייער אינשורענס ביז די טערמין צו פארמיידן א לאך אין העלט אינשורענס דעקונג***

***NY סטעיט אָוו העלט מארקעטפלאץ גרייט זיך צו ארויסהעלפן מענטשן און האלט אפן איינשרייבונג דורכאויס אריבערגאנג ארויס פון די פובליק העלט עמערדזשענסי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז העלט אינשורענס באנייאונגען האבן זיך אנגעהויבן פאר מער פון 9 מיליאן ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין פובליק העלט אינשורענס פראגראמען און אז ניו יארקער שטייט גרייט צו העלפן די מענטשן אנהאלטן זייער אינשורענס. דער פעדעראלער 'פאראייניגטע פארטיילונגען געזעץ' (Consolidated Appropriations Act) פון 2023 האט געברענגט אן ענדע צו די געוועזענע פאדערונג וואס האט געהאלטן מענטשן פון זיך אליין איינגעשריבן אין מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאָס (Child Health Plus) און אין די עסענטשעל פלאן (Essential Plan). יעצט פאדערט דער פעדעראלער געזעץ אז בארעכטיגונג פאר פובליק פראגראמען זאל איבערגעקוקט ווערן כדי זיי זאלן פארגעזעצט ווערן. מענטשן אין די סטעיט וואס זענען יעצט איינגעשריבן וועלן באקומען באנייאונג בריוון בעפאר די דאטום ווען זייער אינשורענס ענדיגט זיך מיט דעטאלירטע אנווייזונגען וויאזוי צו ווייטער אנהאלטן די אינשורענס און די טערמין ביז ווען זיי קענען אונטערנעמען שריט.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן צוטריט צו העלט קעיר פון א הויכע קוואליטעט און פאר צוגענגליכע פרייזן, און דאס איז די סיבה פארוואס מיין אדמיניסטראציע האט דאס געלייגט אלץ פריאריטעט צו צושטעלן העלט אינשורענס פאר א רעקארד-הויכע צאל ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך אונזער לאנד'ס-פירנדע העלט קעיר סיסטעם זעצן מיר פאר צו זיכער מאכן אז יעדער אין אונזער סטעיט האט צוטריט צו די בעסטע קעיר וואס איז נאר דא צו באקומען, און איך מוטיג אלע ניו יארקער צו באנייען זייער דעקונג אונטער ניו יארק'ס פובליק העלט אינשורענס פראגראמען."

אין צוזאמענארבעט מיט די העלט דעפארטמענט, שטייען באטייליגטע העלט אינשורענס פירמעס, העלט קעיר פראָווײַדערס און טויזנטע סערטיפייד איינשרייבונג איינגעשטעלטע אריבער די סטעיט גרייט צו ארויסהעלפן מענטשן מיט דעם באנייאונג פראצעדור און האלטן ניו יארקער געדעקט. די העלט דעפארטמענט האט איבערגעקוקט די אנווייזונגען פון די פעדעראלע רעגירונג; אנטוויקלט פלענער וויאזוי

צו פארבעסערן די סיסטעם; פארגרעסערט די מיטלען און צוגעלייגט נאך איינגעשטעלטע; און געארבעט צוזאמען מיט סטעיט און פעדעראלע רעגירונג בעאמטע, לאקאלע דעפּארטמענטס אָװ סאָושעל סערוויסעס, שותפים, שתדלנים און אנדערע פארמישטע פארטייען צו העלפן ניו יארקער זיך אן עצה צו גיבן מיט די ענדערונגען צו זייערע אינשורענס פראגראמען.

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "קאוויד-19 האט געהאט גאר א גרויסע עמאציאנאלע, פיזישע און פינאנציעלע ווירקונג אויף ניו יארקער, און דערפאר איז דאס קריטיש אז זיי זאלן האבן די מיטלען וואס זיי דארפן נאך די פאנדעמיע. די דעפּארטמענט בלייבט פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בלייבן געדעקט און אז זיי האבן צוטריט צו העלט אינשורענס פון א הויכע קוואליטעט און פאר צוגענגליכע פרייזן."

**ניו יארק סטעיט מעדיקעיד דירעקטאר, אמיר באסירי, האט געזאגט,** "אין לויף פון די פארגאנגענע דריי יאר האט די העלט דעפּארטמענט געארבעט צוזאמען מיט אנדערע אגענטורן, פארמישטע פארטייען און קאמיוניטיס צו העלפן די סטעיט אריבער די פראבלעמען פאראורזאכט דורך די פאנדעמיע. אין די צייט פון אונזער אריבערגאנג צו די ניו יארק פון נאך די פאנדעמיע, זעצן אונזערע באמיאונגען צו אנהאלטן העלט אינשורענס דעקונג, באשיצונגען און סערוויסעס פאר די שוואכסטע ניו יארקער וועלכע זענען אנגעוויזן דערויף ווייטער אן."

**ניו יארק סטעיט אָװ העלט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דעניעל האָלעהאן, האט געזאגט,** "דורכאויס די פאנדעמיע האט ניו יארק סטעיט אָװ העלט צוגעשטעלט פאר מיליאנען ניו יארקער אומזיסטע אדער ביליגע העלט אינשורענס שטייענדיג בעפאר פרעצענדענטלאזע עקאנאמישע און פובליק געזונטהייט אומזיכערהייטן. מיר ווילן נישט רוהען ביז מיר זענען זיכער אז אלע אונזערע מיטגלידער האבן געהאט יעדע געלעגנהייט צו בלייבן געדעקט."

דורכאויס די קומענדיגע יאר ווילן מענטשן וואס זענען יעצט איינגעשריבן באקומען באנייאונג בריוון לויט די דאטום ווען זייער דעקונג ענדיגט זיך. מענטשן וואס זענען איינגעשריבן און די דאטומען ווען זייער דעקונג ענדיגט זיך איז יוני 30 האבן שוין אנגעהויבן באקומען זייערע באנייאונג בריוון. ניו יארק סטעיט אָװ העלט איינגעשריבענע זאלן נאכפאלגן די אנווייזונגען אויף זייער באנייאונג בריוו און אונטערנעמען סיי וועלכע נויטיגע שריט איינמאל די תקופה צו באנייען די אינשורענס הויבט זיך אן צו פארמיידן א לאך אין העלט אינשורענס דעקונג. מיטגלידער וועלכע האבן זיך איינגעשריבן דורך זייער קאונטי'ס לאקאלע דעפּארטמענט אָװ סאָושעל סערוויסעס אדער דורך די ניו יארק סיטי היומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA) ווילן באקומען א באנייאונג פעקל אין די פאסט, און זיי זאלן נאכפאלגן די אנווייזונגען און טערמינען וואס זענען אויסגערעכנט אויף די בריוו צו באנייען זייער דעקונג.

ניו יארקער וועמען'ס איינקונפט און אנדערע פאמיליע אומשטענדן האבן זיך געטוישט זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן און זענען מער נישט בארעכטיגט פאר פולשטענדיג אויסגעצאלטע פובליק דעקונג קענען נאך אלץ זיין בארעכטיגט פאר א ברייטע רייע פון אומזיסטע אדער ביליגע העלט אינשורענס אפציעס. ניו יארק'ס [עסענטשעל פלאן](#) פאר מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט וועט מאכן די אריבערגאנג גלאטער פאר ניו יארקער וועלכע זענען מער נישט בארעכטיגט פאר מעדיקעיד, און [פארבעסטערטע פעדעראלע טעקס קרעדיטס](#) ווילן מאכן דעקונג מער אפּאָרדעבעל פאר מענטשן וועלכע גייען אריבער צו א קוואליפיצירטע העלט אינשורענס פלאן.

איינשרייבונג אין די NY סטעיט אָװ העלט וועט בלייבן אפן ביז מאי 2024 כדי סיי ווער וואס פארלירט זייער מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאָס אדער עסענטשעל פלאן דעקונג דורכאויס דעם באנייאונג

פראצעדור וועט זיך קענען איינשרייבן אין א קוואליפיצירטע העלט אינשורענס פלאן אויב זיי זענען בארעכטיגט דערפאר.

ניו יארק האט געמאכט גרויסע פארשריט אין לעצטיגע יארן, צוזאמען מיט פעדעראלע באמיאונגען צו פארבעסערן די אפארדעביליטי און צוגענגליכקייט פון העלט אינשורענס, ברענגענדיג די ראטעס פון מענטשן אן אינשורענס צו היסטאריש-נידעריגע שטאפלען:

- אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2021 האט ניו יארק עלימינירט פרימיומס פון די עסענטשעל פלאן פאר ערוואקסענע וועלכע זענען נישט בארעכטיגט פאר מעדיקעיד מיט איינקונפט פון ביז אזויפיל ווי 200 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל (FPL);
- אין 2021 האט ניו יארק פארשנעלערט דאס צושטעלן פארבעסערטע פרימיום טעקס קרעדיטס פאר קוואליפיצירטע העלט אינשורענס פלאן דעקונג פאר ניו יארקער מיט איינקונפט העכער 200 פראצענט פון די FPL;
- אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט ניו יארק פארלענגערט 12 חודשים פון דעקונג נאך קינד-געבורט פאר טראגעדיגע מענטשן אין מעדיקעיד, עלימינירט פרימיומס פאר קינדער פון פאמיליעס מיט איינקונפט וואס איז 222 פראצענט פון די FPL אדער וויי‫ניגער אין די טשיילד העלט פלאַס פראגראמען, און אזוי אויך זענען מעדיקעיד בארעכטיגונג שטאפלען פאר ערוואקסענע באשטימט געווארן צו זיין 138 פראצענט פון די FPL;

- אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט די סטעיט ווידערהאלט איר כוונה צו זוכן צו באקומען א פעדעראלע 'וועיווער' צו קענען פארברייטערן די עסענטשעל פלאן פאר מער ניו יארקער מיט נידעריגערע און מיטלמעסיגע איינקונפט – ביז אזויפיל ווי 250 פראצענט פון די FPL – וואס וועט אויסגלאטן די אריבערגאנג פאר מענטשן וועלכע גייען ארויס פון מעדיקעיד.

פאר מער איבער ניו יארק סטעיט מארקעטפלאץ בארעכטיגונג און באנייאונגען, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע דעפארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס אפיס אדער לערנען מער אויף די NY סטעיט אָוו העלט וועבזייטל און די העלט דעפארטמענט'ס מעדיקעיד וועבזייטל. גאווערנער האקול'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 שטעלט צו נאך א 22 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר צו שטיצן די סטעיט'ס העלט קעיר סיסטעם, אריינרעכנענדיג נאך 1 ביליאן דאלאר אין העלט קעיר אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר פראוויידערס און פארברייטערטע מעדיקעיד בענעפיטן פאר מער פון 7.8 מיליאן ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן